Publié par l'Association pour l'Étude et la Diffusion de la Culture Yiddish et la Bibliothèque Medem avec le concours de la Direction Générale à la Langue Française et la Forward Association

# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿאַרן ייִדיש-לימוד און פֿון דער מעדעם-ביבליאָטעק

**יאָר 6, נומער 5 (30)** **תּמוז־אָבֿ תּשס״א/יולי 2001**

# די השׂכּלה[1]

די טיפֿע ענדערונגען אין גײַסטיקן[2] און פּאָליטישן לעבן אין אייראָפּע אין דער צווייטער העלפֿט 18טן י״ה[3] האָבן נאַטירלעך געווירקט[4] אויף דער ייִדישער וועלט. די אַזוי גערופֿענע „אויפֿקלערונג“[5] און די גרויסע פֿראַנצייזישע רעוואָלוציע (1789) האָבן געגעבן דעם שטויס[6] צו דער ייִדישער עמאַנציפּאַציע און צו דער השׂכּלה. די דאָזיקע באַוועגונג[7] האָט זיך אַנטוויקלט[8] צו ערשט אין דײַטשלאַנד, צווישן דער ייִדישער אינטעליגענץ אין בערלין, און נאָך אַ פּאָר צענדליקער יאָרן איז זי אַריבערגעגאַנגען קיין גאַליציע, ליטע און רוסלאַנד.

במשך פֿון[9] דורות[10] און דורות האָבן ייִדן געלעבט אָפּגעזונדערט[11] פֿון דער אַרומיקער וועלט און האָבן מיט עקשנות[12] אָפּגעהיט[13] דעם כּלל[14] פֿון לעבן לויט דער תּורה[15]. די פֿראַנצייזישע רעוואָלוציע האָט אָבער אויפֿגעבראָכן די טויערן[16] פֿון די ייִדישע געטאָס, און ייִדן זענען אַרײַנגעצויגן געוואָרן[17] אַלץ מער און מער אין דעם שטראָם פֿון אַלגעמיינעם קולטור־לעבן. דער קאַמף פֿאַר עמאַנציפּאַציע איז פֿאָרט אָפּט געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט אַ פּראָצעס פֿון אַסימילאַציע מיט דער אַרומיקער ניט־ייִדישער באַפֿעלקערונג. די גאַנצע גײַסטיקע אַנטוויקלונג אין אייראָפּע זינט דעם 18טן י״ה שטייט אונטערן צייכן פֿון סעקולאַריזירונג. די רעליגיע הערט אויף[18] צו שפּילן די פֿירנדיקע ראָלע אין סאָציאַלן און פּערזענלעכן לעבן פֿון דעם מענטשן, און אין דער זעלביקער צײַט פֿאַרשטאַרקט זיך די השפּעה[19] פֿון וועלטלעכע[20] סאָציאַלע און אידעיִשע באַוועגונגען. פֿאַר ייִדן וואָס ווילן ניט איבעררײַסן אין גאַנצן מיט דער ייִדישער טראַדיציע שטעלט זיך די פֿראַגע : ווי ווײַט מעג מען גיין אויף דעם וועג פֿון וועלטלעכקייט ?

די משׂכּילים[21] האָבן אויף דער פֿראַגע געענטפֿערט : „זײַ אַ מענטש אין גאַס און אַ ייִד אין דער היים“. אַזוי אַרום[22] האָט די השׂכּלה געשאַפֿן דעם דואַליזם צווישן ייִד און מענטש. פֿריִער האָט מען נישט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן דער רעליגיעזער און וועלטלעכער ספֿערע, אָבער אין דער נײַער תּקופֿה[23] האָט זיך אָנגעהויבן דער קאָנפֿליקט צווישן גלויבן און שׂכל[24], צווישן טראַדיציע און וויסנשאַפֿט, וואָס האָט פֿאַרנומען אַ וויכטיקן פּלאַץ אין דער אייראָפּעיִשער אידעען־וועלט.

[סוף זײַט 8]

1. HASKOLE Haskala, mouvement des Lumières juives/Jewish movement of the Enlightenment 2. spirituel/spiritual 3. *abbrév.* יאָרהונדערט siècle/century 4.ont touché, affecté/had an effect on 5. Siècle des Lumières/Enlightenment 6. impulsion/impetus 7. mouvement/movement 8. s'est développé/developed 9. BEMESHEKH ... pendant/for 10. DOYRES générations 11. séparés, isolés/separate, isolated 12. ...AKSHONES avec obstination/stubbornly 13. respectaient, observaient/kept, observed 14. KLAL règles/rules 15. TOYRE Torah 16. ont enfoncé les portes/broke open the gates 17. furent entraînés/were drawn into 18. cesse de/ceases 19. HASHPOE influence 20. laïques/secular 21. MASKILIM partisans de la Haskala/followers of the Haskala 22. ainsi/thus 23. TKUFE ère, période/era 24. SEYKhL raison/reason

## משה מענדעלסאָן[1]

דער טאַטע פֿון דער השׂכּלה[2] איז משה מענדעלסאָן. ער איז געבוירן אין 1729 אין דעסוי[3] (דײַטשלאַנד) און געשטאָרבן אין 1786 אין בערלין. ער האָט אָנגעשריבן פֿילאָסאָפֿישע ווערק אויף דײַטש וועגן דער ייִדישער רעליגיע און דעם אָרט פֿון ייִדן צווישן אַנדערע פֿעלקער (ווי *פֿעדאָן*[4], *ירושלים*[5] און *מאָרגנער שטונדען*[6]). ער האָט אויך איבערגעזעצט דעם תּנך[7] אויף דײַטש (געדרוקט מיט העברעיִשע אותיות[8]) – מיטן ציל[9], אַז די דײַטשישע ייִדן זאָלן זיך גוט אויסלערנען די שפּראַך פֿונעם לאַנד ווו זיי ווינען, און אַוועקוואַרפֿן דעם ייִדישן „זשאַרגאָן“. צווישן ייִדן פֿון מיזרח[10]־אייראָפּע איז ער באַקאַנט דער עיקר[11] ווי דער מחבר[12] פֿונעם ביאור[13], אַ פּירוש[14] צום תּנך, געשריבן אויף העברעיִש. מענדעלסאָן איז געווען באַפֿרײַנדט מיטן שרײַבער לעסינג[15], וואָס האָט זיך אינספּירירט פֿון זײַן געשטאַלט אין זײַן דראַמע *נאַטאַן דער ווײַזע*.



▲ דער שרײַבער ג. ע. לעסינג און דער טעאָלאָג י. ק. לאַוואַטער צו גאַסט בײַ משה מענדעלסאָנען

1. Moses Mendelssohn 2. HASKOLE 3. Dessau 4. *Phaedon* (1767) 5. *Jerusalem* (1783) 6. *Heures matinales/Morning Hours* (1785) 7. TANAKh Bible juive/Jewish Bible 8. OYSYES lettres/letters *sing.* OS אות 9. but/aim 10. MIZREKh oriental/Eastern 11. ... IKER principalement/mainly 12. MEKhABER auteur/author 13. BIER *litt.* explication, commentaire/*lit.* explanation, commentary 14. PEYRESH קאָמענטאַר, אויסטײַטשונג 15. Gotthold Ephraim Lessing (1729-1781) 16. *Nathan le Sage* (1797)/*Nathan the Wise* (1797).

# ש. אַנ–סקי

דער נאָמען ש. אַנ־סקי[1] קלינגט באַקאַנט אין די אויערן פֿונעם ברייטן עולם[2] צוליב דער פּיעסע „דער דיבוק“[3] וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין 1916 און וואָס איז שפּעטער געוואָרן די באַרימטסטע פּיעסע אי פֿון דעם ייִדישן אי פֿון דעם העברעיִשן טעאַטער־רעפּערטואַר. אין די בונדישע[4] קרײַזן איז ער אויך באַקאַנט ווי דער מחבר[5] פֿון דער „שבֿועה“[6], דעם הימן פֿון בונד.

אָבער ש. אַנ־סקיס טעטיקייט[7] האָט זיך אַנטוויקלט אויף כּלערליי[8] געביטן[9], צווישן זיי דער עיקר[10] פּאָליטיק, עטנאָגראַפֿיע, געזעלשאַפֿט־לעך לעבן און ליטעראַטור.

זײַן אמתער נאָמען איז געווען שלמה[11]־זאַנוויל ראַפּאָפּאָרט. ער איז געבוירן געוואָרן אין וויטעבסק אין 1863 און האָט באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע דערציִונג. ביז צו 17 יאָר האָט ער ניט געקענט קיין רוסיש, נאָר ייִדיש און העברעיִש. צו אָט דעם עלטער האָט ער זיך דערווײַטערט פֿון טראַדיציאָנעלן לעבן און געוואָרן אַ פֿאַרקאָכטער[12] משׂכּיל[13]. דער קאַפּיטל פֿון זײַנע זכרונות[14] (זע ז׳ 3) געהערט צו יענער תּקופֿה[15]. אַ פּאָר יאָר שפּעטער דערווײַטערט ער זיך כמעט[16] אין גאַנצן פֿון ייִדישן לעבן און ער שטייט צו צו דער באַוועגונג פֿון די נאַראָדניקי[17], וואָס זייער אַני מאמין[18] איז געווען „אין פֿאָלק אַרײַן“. אַזוי אַרום האָט ש. אַנ–סקי געאַרבעט ווי אַ לערער בײַ פּויערים[19] און שפּעטער ווי אַ קוילן־גרעבער[20] אין דרום[21]־רוסלאַנד. אין 1892 פֿאַרברענגט ער אַ פּאָר חדשים[22] אין פּעטערבורג, אָבער ער עמיגרירט באַלד און באַזעצט זיך אין פּאַריז ווּ ער בלײַבט ביז 1905. אין פּאַריז ווערט ער דער פּריוואַטער סעקרעטאַר פֿון פּיאָטר לאַוראָוו, אַן אָנגעזעענער[23] רוסישער עמיגראַנט, איינער פֿון די אָנפֿירער פֿון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן (ס.ר.). אין פּאַריז האַלט ער זיך גאַנץ ווײַט פֿון ייִדישן לעבן, כאָטש ער באַזוכט פֿון מאָל צו מאָל זײַן חבֿר[24] פֿון די קינדער־יאָרן חיים זשיטלאָווסקי[25], וואָס לעבט דעמאָלט אין דער שווייץ און וואָס איז אַן איבערגעצײַגטער[26] ייִדישיסט.

אין פּאַריז לייענט ער די ערשטע ווערק פֿון י. ל. פּרץ[27], און ער פֿאַרשטייט אַ דאַנק פּרצעס ווערק אַז די ייִדישע שפּראַך קען אויך זײַן די שפּראַך פֿון אַ שיינער ליטעראַטור און נישט בלויז פֿון דער שונד־ליטעראַטור[28]. פֿון דעמאָלט אָן קומט ער צוריק פּאַמעלעך צו ייִדיש און צום ייִדישן פֿאָלק.

אין דער פּעטערבורגער ייִדישער טאָגצײַטונג „דער פֿרײַנד“, גיט ער אַרויס אין 1904 זײַן ערשט גרויס ווערק אויף ייִדיש „דער אַשמדאַי“[29], אַ סאַטירישע פּאָעמע געשריבן אין גײַסט פֿון פֿאָלקסעפּאָס[30]. נאָך דער רעוואָ־לוציע פֿון 1905 קומט ער צוריק אין רוסלאַנד. פֿון 1912 ביז 1914 אָרגאַניזירט ער די ערשטע עקספּעדיציע פֿאַר ייִדישן פֿאָלקלאָר און עטנאָגראַפֿיע, סובסידירט פֿון דעם ייִדישן מעצענאַט דעם באַראָן האָראַץ גינזבורג. ער מיט זײַנע „זאַמלערס“ האָבן צונויפֿ־געזאַמלט טויזנטער ייִדישע לידער, שפּריכווערטער, לעגענדעס, כּתבֿ־ידן[31] און חפֿצים[32] אין 66 שטעטלעך און דערפֿלעך פֿונעם תּחום־המושבֿ[33].

בעת[34] דער ערשטער וועלט־מלחמה[35] איז ש. אַנ–סקי, ווי אַן אָפֿיציר פֿון דער צאַרישער אַרמיי, אַן עדות[36] פֿון די שרעקלעכע פּאָגראָמען און רדיפֿות[37] אויף דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין גאַליציע, וואָס ער באַשרײַבט אין זײַן ווערק אין פֿיר בענד „חורבן[38] גאַליציע“.



▲ ש. אַנ–סקי ווי אַ רוסישער אָפֿיציר בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה

נאָך דער רעוואָלוציע פֿון פֿעברואַר 1917 ווערט ער אויסגעקליבן פֿאַר אַ דעפּוטאַט אין נאָמען פֿון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, אָבער ער אַנטלויפֿט באַלד פֿון די באָלשעווי־קעס קיין ווילנע, ווּ ער בלײַבט ביז 1919. ער באַזעצט זיך דעמאָלט אין וואַרשע, ווּ ער שטאַרבט דעם 8טן נאָוועמבער 1920. מע האָט אים באַגראָבן אויפֿן וואַרשעווער ייִדישן בית־עולם[39], לעבן י.ל. פּרץ און יעקבֿ דינעזאָן[40]. איבער די דרײַ קבֿרים[41] האָט מען אין די צוואַנציקער יאָרן געשטעלט איין גרויסן מאָנומענט, דעם „אוהל פּרץ“[42], וואָס מע קען באַזוכן ביז הײַנט צו טאָג. אין די צוואַנציקער יאָרן האָט מען אַרויסגעגעבן זײַנע געזאַמלטע שריפֿטן : 15 בענד לידער, דערציילונגען, טעאַטער־פּיעסעס, געזעלשאַפֿטלעכע און עטנאָגראַפֿישע עסייען. אַ טייל האָט ער געשריבן דירעקט אויף ייִדיש, אַ טייל האָט מען איבערגעזעצט פֿון רוסיש. ❐



1. SHIN ANSKI pseudonyme de Shloyme Zanvil Rapoport/pen name of Shloyme Zanvil Rapoport 2. OYLEM public 3. DIBEK *Le Dibbouk*/*The Dibbuk* 4. bundiste/Bundist 5. MEKHABER auteur/author 6. SHVUE serment/oath 7. activité/activity 8. KOLERLEY toutes sortes de/all kinds of 9. domaines/fields, domains 10. … IKER principalement/mainly 11. SHLOYME 12. fervent/ardent 13. MASKIL adepte de la Haskala/adherent of the Haskala 14. ZIKHROYNES mémoires/memoirs 15. TKUFE époque/period 16. KIMAT presque/nearly 17. mouvement populiste russe/Russian populist movement 18. ANI-MAMIN crédo 19. paysans/peasants, *sing.* פּויער 20. mineur de fond/coal miner 21. DOREM sud/south 22. KHADOSHIM mois/months, *sing.* חודש KHOYDESH 23. eminent 24. KHAVER ami/friend 25. KHAIM … (1865-1943) philosophe et écrivain yiddish/Yiddish philosopher and writer 26. convaincu/convinced 27. Yitskhok Leybush Perets (1852-1915) 28. littérature de pacotille/trash literature 29. ASHMEDAY Asmodée/Asmodeus 30. épopée populaire/folk epic 31. KSAVYADN manuscrits/manuscripts 32. KHFEYTSIM objets/articles, objects, *sing.* KHEYFETS 33. TKHUM-HAMOYSHEV zone de résidence où les Juifs avaient obligation de vivre/Pale of Settlement (where Jews were obliged to live) 34. BEYS pendant/during 35. MILKHOME guerre/war 36. EYDES témoin/witness 37. REDIFES persécussions 38. KHURBN destruction 39. BEYS-OYLEM cimetière/cemetery 40. Yankev Dinezon (1856?-1919) écrivain yiddish/Yiddish writer 41. KVORIM tombeaux/tombs, *sing.* KEYVER 42. OYEL PERETS.

# חטאת נעורים[1]

## אַ קאַפּיטל זכרונות[2] פֿון ש. אַנ – סקי

אין אָנהייב 1881 בין איך אָפּגעפֿאָרן פֿון מײַן געבורטס־שטאָט וויטעבסק אין שטעטל ליאָזנע, אַלס פּריוואַט־לערער. אַלט בין איך דאַן געווען זיבעצן יאָר און דאָס איז געווען מײַן ערשטער זעלבשטענדיקער[3] אַרויסטריט אין לעבן. [...] בערך[4] מיט אַ יאָר פֿריִער בין איך „אַראָפּ פֿון וועג“, אַרײַנגעטון זיך[5] אין די „ספֿרים חיצונים[6]“ און געוואָרן אַ פֿאַרקאָכטער משׂכּיל[7]. דעם שטאַרקסטן אײַנדרוק האָט אויף מיר דאַן געמאַכט ליליענבלומס „חטאת נעורים“.

קיין ליאָזנע בין איך געפֿאָרן נישט אַזוי צוליב לערערײַ, ווי מיטן ציל צו פֿאַרשפּרייטן השׂכּלה[8] צווישן דער אָרטיקער יוגנט, עפֿענען זיי די אויגן. גענומען מיט זיך אַ פּעקל השׂכּלה־ספֿרים : „זרובבֿל[9]“ פֿון י. ב. לעווינזאָן, מפּוס „אהבת־ציון[10]“, סמאָלענסקינס „קבֿורת חמור[11]“ און פֿאַרשטייט זיך, דעם „חטאת־נעורים“.

בײַ יענער צײַט זענען די ייִדישע שטעטלעך פֿון ליטע געווען פֿאַרגליווערט[12] אין די פֿאָרמען פֿון אַלטן אָרטאָדאָקסאַלן לעבן, האָבן בשום־אופֿן[13] נישט געוואָלט וויסן פֿון די נײַע שטרעבונגען[14] און באַוועגונגען. ליאָזנע, די אַמאָליקע רעזידענץ פֿון אַלטן רבין, ר' שניאור זלמן[15], איז געווען אין דעם פּרט[16] נאָך אָפּגעשטאַנענער[17] פֿון אַנדערע שטעטלעך. ביז מײַן קומען אַהין, איז דאָרט געווען נאָר איין לערער, אַ געוועזענער ישיבֿה־בחור[18] [...]. מען האָט אים אָפּגעשוירן, געפֿירט אין מיקווה[19], פֿאַרברענט זײַנע האָר מיטן קורצן ראָק[20], אָנגעטאָן אויף אים אַ לאַנגן בגד[21], אַ יאַרמלקע[22] און אַוועקגעזעצט אין שול לערנען [...]. אין אַ פּאָר חדשים אַרום איז [...] [ער] אַנטלאָפֿן און זיך געשמדט[23].

נישט גרינג איז מיר אָנגעקומען צו באַקומען לעקציעס. כּדי נישט אַרויסצורופֿן קעגן זיך פֿון דער ערשטער מינוט קיין רדיפֿות[24], האָב איך געמוזט אָנציִען אויף זיך אַ מאַסקע פֿון פֿרומקייט און אַרויסווײַזן, אַז מײַן אייניציקער ציל איז נאָר צו פֿאַרדינען זיך אויף אַ שטיקל ברויט.

איך האָב גוט געשפּילט מײַן ראָלע, האָב באַקומען לעקציעס. [...] האָבן זיך [...] דאָרט געפֿונען עטלעכע „אָנגערירטע“ בחורים און יונגעלײַט, וואָס האָבן געשטרעבט צו ליכט און וויסנשאַפֿט און דורשטיק געזוכט אַ וואָרט פֿון השׂכּלה. זיי האָבן גלײַך פֿאַרשטאַנען אַז איך בין נישט אַזוי פֿרום, ווי איך שטעל זיך פֿאָר, און אָן ווערטער, נאָר מיט אויסדריקלעכע[25] בליקן, האָבן זיי מיר געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז זיי גאַרן[26] אַרײַנצוטרעטן מיט מיר אין פֿאַרבינדונג [...]. איך געדענק נישט, וואָס איך האָב געזאָגט מײַנע נײַע חבֿרים־תּלמידים, נאָר דער תּוכן[27] איז געלעגן נישט אין מײַנע רייד, נאָר אין דער געהויבענער שטימונג פֿון די צוהערער, וואָס האָבן אין מײַן יעדן וואָרט געזען אַ מין נבֿיאות[28] [...].

נאָך די ערשטע צוויי בחורים זענען געקומען אַנדערע, אויך אַזוי אידעאַליסטיש געשטימט. אין גיכן האָט זיך געבילדעט אַן אייגנאַרטיק[29] קרײַזל פֿון זעקס־זיבן מאַן. געווייינטלעך פֿלעגט

[המשך זײַט 4]

# מ. ל. ליליענבלום

דאָס בוך *חטאת נעורים*[1], וואָס אַנ–סקי דערמאָנט אין זײַנע זכרונות[2] איז געשריבן געוואָרן פֿון משה־לייב ליליענבלום, אַ שרײַבער, קריטיקער, פּאָליטישער זשורנאַליסט, און איינער פֿון די הויפּט אָנפֿירערס פֿון דער השׂכּלה אין מיזרח[3]־אייראָפּע. געבוירן איז ער אין ליטע אין אַ פֿרומער משפּחה און אויפֿגעצויגן[4] לויט דער טראַדיציע. צו 15 יאָר האָבן אים די עלטערן חתונה געמאַכט[5] און זעקס יאָר איז ער געזעסן בײַם שווער[6] אויף קעסט[7] און געלערנט. נאָר אין דער זעלביקער צײַט האָט ער זיך אויך באַקענט מיט השׂכּלה־ביכער און חקירה־ספֿרים[8] אויף העברעיִש. אין 1867 האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט[9] אין *המליץ*[10] אַ פּאָר אַרטיקלען ווו ער טענהט[11] אַז געוויסע געזעצן אין תּלמוד[12] גילטן ניט מער[13] ווײַל דאָס לעבן האָט זיך שטאַרק געענדערט. דאָס האָט אַרויסגערופֿן אַ סקאַנדאַל אין שטעטל און ער האָט געמוזט אַוועקפֿאָרן קיין אָדעס. דאָרט האָט ער ווײַטער געשריבן און ווײַטער אַנטוויקלט זײַנע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אידעעס. זײַנע ווערק זענען דער עיקר[14] אויף העברעיִש, נאָר איין דראַמע האָט ער יאָ אָנגעשריבן אויף ייִדיש. ער איז אויך געווען אַ מיטרעדאַקטאָר פֿון *קול־מבֿשׂר*[15]. אינעם באַרימטן *חטאת נעורים* (אַרויס אין 1876) דערציילט ער זײַן וועג פֿון טראַדיציע צו דער השׂכּלה. אויף אָט־דער אויטאָביאָגראַפֿישער ווידוי[16] איז אויפֿגעצויגן געוואָרן אַ גאַנצער דור ייִדישע שרײַבערס.



▲ משה לייב ליליענבלום

1. KhATES-NEURIM «Péchés de la jeunesse»/«Sins of Youth» 2. ZIKhROYNES 3. MIZREKh oriental/Eastern 4. élevé/raised 5. KhASENE ... l'ont marié/married him 6. beau-père/father-in-law 7. à la charge des beaux-parents/given room and board by his in-laws 8. KhKIRE-SFORIM פֿילאָסאָפֿישע ביכער 9. פּובליקירט 10. HAMEYLITS (Odessa 1860, St. Petersburg 1866-1904) «Le Defenseur», périodique hébreu/«The Defender», Hebrew periodical 11. avance/argues 12. TALMUD 13. ne sont plus valables/are no longer valid 14. principalement/mainly 15. KOL MEVASER (Odessa 1862-1878) «Le Hérault», premier périodique yiddish moderne/«The Herald», first Yiddish periodical of modern times 16. VIDE confession.

1. KhATES NEURIM “Péchés de la jeunesse”, titre du livre le plus célèbre de M.-L. Lilienblum (1843-1910)/“Sins of Youth”, title of M.-L. Lilienblum’s (1843-1910) most famous book 2. ZIKhROYNES mémoires/memoirs 3. indépendant/independent 4. BEEREKh מער אָדער ווינציקער 5. je me suis plongé/I became absorbed 6. SFORIM KhITSOYNIM livres profanes/secular books 7. ... MASKIL fervent partisan de la Haskalah/ardent follower of the Haskalah 8. HASKOLE Haskalah, les "Lumières" juives/Jewish Enlightenment 9. ZRUBOVL de/by I.-B. Levinsohn (1788-1860) 10. AHAVES-TSIEN “l’Amour de Sion”/“Love of Zion” de/by Abraham Mapu (1808-1867) 11. KVURES KhAMOYR “L’Enterrement d’un âne”/“A Donkey’s Burial” de/by P. Smolenskin (1840/42?-1885) 12. gelés, ici : figés/frozen, here: set 13. BESHUM OYFN en aucun cas/by no means 14. aspirations 15. ShNEYER ZALMEN fondateur du mouvement hassidique Khabad (Loubavitch)/founder of the Lubavitcher Khabad Hassidic movement 16. PRAT אין דעם פּרט de ce point de vue/in this regard 17. plus arriéré/more backward 18. YESHIVE-BOKhER étudiant d’une école talmudique/student of a talmudic school 19. MIKVE bain rituel/pool for ritual immersion 20. veste/jacket 21. BEGED vêtement/garment 22. calotte, kipa/skull cap 23. GEShMAT זיך שמדן se convertir au Christianisme/to convert to Christianity 24. REDIFES persécutions 25. expressifs/expressive 26. désirent/yearn 27. TOYKhN אינהאַלט 28. NEVIES prophétie/prophecy 29. particulier/peculiar

[המשך פֿון זײַט 3]

מען זיך צו מיר פֿאַרזאַמלען פֿרײַטיק שפּעט בײַ נאַכט, בשעת[30] דאָס שטעטל האָט געשמאַק געשלאָפֿן [...]. אין משך פֿון[31] די עטלעכע חדשים, וואָס איך בין געווען אין שטעטל, האָט זיך קיינער נישט דערוווּסט וועגן די פֿאַרזאַמלונגען. ווען איך האָב זיך נענטער באַקענט מיט מײַנע חבֿרים און איבערגעצײַגט זיך[32], אַז מע קען זיי אָנפֿאַרטרויען[33], האָב איך זיי געגעבן מײַנע געהיימע[34] ביכער, אַפֿילו דעם טײַערסטן און „געפֿערלעכסטן“, דעם „חטאת נעורים“. איבער מײַן קאָפּ האָבן זיך אָבער ביסלעכווײַז אָנגעקליבן וואָלקנס [...]. איך האָב געפֿירט אַ טאָגבוך, אין וועלכן איך פֿלעג פֿאַרשרײַבן מײַנע אײַנדרוקן, באַשרײַבן אַלערליי געזעענע סצענעס און טיפּן, מײַנע תּלמידים, זייערע עלטערן און אַנדערע. געשריבן האָב איך דאָס טאָגבוך אין דער פֿאָרעם פֿון בריוו צו מײַן יוגנט־פֿרײַנד ח. זשיטלאָווסקי[35]. איין מאָל, ווען איך האָב פֿאַרגעסן צו פֿאַרשליסן דאָס קעסטל ווו איך האָב געהאַלטן מײַנע כּתבֿים[36] האָט זיך [...] צו מיר אין צימער פֿאַרקליבן[37] דעם ווירטס[38] טאָכטער, אַ דערוואַקסן מיידל און, ווײַזט אויס[39], אַ ליבהאָבערין פֿון ליטעראַטור, האָט אַרויסגעשלעפּט דאָס טאָגבוך און גענומען עס לייענען. פֿאַראינטערעסירנדיק זיך מיט זײַן אינהאַלט, האָט זי פֿאַרזאַמלט עטלעכע חבֿרטעס און זיי האָבן אײַנגעאָרדנט אַ „ליטעראַרישן אָוונט“. אויף מאָרגן איז דער אינהאַלט פֿון מײַן טאָגבוך באַקאַנט געוואָרן אין גאַנצן שטעטל.

נישט וויסנדיק פֿון גאָרנישט בין איך ווי שטענדיק געגאַנגען אויף די לעקציעס. ווען איך בין געקומען אויף דער ערשטער לעקציע, האָט מיך די בעל־הביתטע[40], אַ רײַכע קרעמערין, באַגעגנט בײַ דער טיר מיט אַזאַ ברוך־הבא[41] :

– הערט, שרײַבער ! איך האָב אײַך געדונגען[42], איר זאָלט מײַנע קינדער לערנען לייענען און שרײַבן, אָבער נישט צוליב דעם, איר זאָלט באַשרײַבן, אַז בײַ מײַן יאַנינקען איז נישט ריין אונטער דער נאָז, אַז מײַן פֿריידינקע האָט גרויסע ציין און אַז איך אַליין גיי אום אין אַ פֿאַרשלומפּערט[43] קלייד. איך קען אײַך פֿאַרזיכערן, אַז כאָטש איך טראָג אַ פֿאַרשלומפּערט קלייד, איז דאָס, וואָס וואַלגערט זיך בײַ מיר אין מיסט, מער

30. BESHAS pendant que/while 31. ... MESHEKH... durant/during 32. je me suis persuadé/convinced myself 33. faire confiance/trust them 34. secrets/secret 35. Khaim Zhitlovski (1865-1943) philosophe et écrivain, yiddishiste convaincu/philosopher, writer and zealous yiddishist 36. KSOVIM écrits/writings, sing. KSAV 37. s'est introduit/got into, *inf.* פֿאַרקלײַבן זיך 38. du propriétaire/the landlord's 39. semble-t-il/so it seems 40. BAL(E)BOSTE maîtresse de maison/mistress of the house 41. BOR(E)KHABE bienvenue/welcome 42. inf. דינגען louer les services/hire 43. souillé, négligé/slovenly

## אַרום אַ וואָרט

# השׂכּלה[1]

דאָס וואָרט **השׂכּלה** מיינט אויפֿקלערונג[2], בילדונג[3]. מע האָט אַזוי גערופֿן די באַוועגונג וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין דער ייִדישער וועלט בײַם סוף[4] פֿונעם 18טן יאָרהונדערט. (זעט זײַט 1).

די אָנהענגער[5] פֿון אָט דער באַוועגונג האָט מען גערופֿן **משׂכּילים**[6] – אַ **משׂכּיל** איז אַ געבילדעטער, אַ מענטש וואָס וויל אויפֿקלערן אַנדערע מענטשן. דאָס איז זייער אַ שיינע און אַ הויכע אַמביציע. נאָר מענטשן האָבן אַזאַ טבֿע[7] אַז זיי ווילן דווקא[8] נים אויפֿגעקלערט ווערן און אָפֿט מאָל זענען זיי גרייט צו צערײַסן אויף שטיקער[9] יענע וואָס קומען ברענגען נײַע אידעעס. אַזוי אַרום האָט מען זיך צווישן די **משׂכּילים** און די טראַדיציאָנעלע פֿרומע ייִדן געקריגט[10] און געשאָלטן[11] (זעט זײַט 3). די ווערטער **השׂכּלה** און **משׂכּיל** קומען פֿונעם שורש[12] **שׂ כ ל** , וואָס האָט צו טאָן מיט פֿאַרשטאַנד[13], אינטעליגענץ. נאָך אַ וואָרט פֿון דעם שורש איז **מוסר־השׂכּל**[14]. וואָרט בײַ וואָרט מיינט דאָס אַן אָנלערנונג וואָס מע דאַרף פֿאַרשטיין, און אַזוי רופֿט מען דעם מאָראַלישן אויספֿיר[15] פֿון אַ פֿאַבל.

דאָס באַקאַנטסטע ייִדישע וואָרט פֿון דעם שורש איז אַוודאי[16] **שׂכל**[17], וואָס מיינט קלוגשאַפֿט, פֿאַרשטאַנד, אינטעלעקט. ייִדן רעדן זייער אַ סך וועגן **שׂכל**. אַ ייִד קען זיך קלאָגן[18] אַז ער האָט נישט קיין מזל[19], נאָר ווער קלאָגט זיך אַז ער האָט נישט קיין **שׂכל** ? אויסדרוקן[20] מיטן וואָרט **שׂכל** : **„עס לייגט זיך אויפֿן שׂכל“** מיינט אַז עפּעס זעט אויס לאָגיש, גאַנץ מעגלעך. **„ער איז געקומען צום שׂכל“** מיינט : ער האָט ענדלעך פֿאַרשטאַנען וואָס איז ריכטיק. **„איך וועל אים דערקלערן על־פּי[21] שׂכל“** מיינט : איך וועל אים ווײַזן מיט ראַציאָנעלע מיטלען. אַ באַזונדער סאָרט **שׂכל** איז דער **שׂכל־הישר**[22], וואָס אַן אַלטע באָבע קען עס האָבן מער ווי אַ גרויסער פּראָפֿעסאָר ! שפּריכווערטער וועגן האָבן (אָדער אָפֿטער, *נישט* האָבן) **שׂכל** געפֿינט מען אָן אַ צאָל. לאָמיר דאָ דערמאָנען עטלעכע :

- איטלעכער[23] נאַר האָט **שׂכל** פֿאַר זיך.
- דער קלוגער באַהאַלט[24] דעם **שׂכל**, דער נאַר ווײַזט זײַן נאַרישקייט אַרויס.
- מיט פֿרעמדן **שׂכל** קען מען ניט לעבן.
- פֿאַר געלט באַקומט מען אַלץ, נאָר קיין **שׂכל** ניט.
- ביז זיבעציק יאָר לערנט מען **שׂכל**, און מע שטאַרבט אַ נאַר.

נישט נאָר פֿאָלקלאָר רעדט וועגן **שׂכל** : אַן אַמעריקאַנער הומאָריסט האָט אַ מאָל געזאָגט : אויב איר ווילט ווײַזן אַז איר האָט **שׂכל** קען איך אײַך געבן אַ גוטע עצה[25] : טראַכט אויס אַ נאַרישקייט – און זאָגט זי נישט !

1. HASKOLE les Lumières juives/movement of Jewish Enlightenment 2. éclaircissement, lumières/enlightenment 3. instruction/education 4. SOF fin/end 5. adeptes, partisans/followers, proponents 6. MASKILIM *sing*. MASKIL משׂכּיל 7. TEVE nature, *c-à-d*, ils sont ainsi faits/nature, *i.e.*, are so inclined 8. DAVKE justement/simply 9. démolir, démembrer, déchirer en lambeaux/tear limb from limb 10. se disputaient/quarreled 11. se maudissaient/cursed one another, *inf.* שילטן 12. SHOYRESH racine/root 13. entendement/understanding 14. MUSER-HASKL morale d'une histoire/moral of a story 15. conclusion 16. AVADE bien sûr/of course 17. SEYKHL intelligence, raison, esprit/brains, sense, intelligence, reason 18. se plaindre/complain 19. MAZL chance/luck 20. expressions 21. ALPI selon/according to 22. SEYKHL-HAYOSHER bon sens/common sense 23. chaque (à ne pas confondre avec : עטלעכע = plusieurs)/each (not to be confused with: עטלעכע = several) 24. cache/hides 25. EYTSE conseil/advice.

ווערט ווי איר מיט אײַער גאַנצער געלערנטקייט... און איר קענט זיך געזונטערהייט גיין פֿון וואַנען איר זענט געקומען ! אַזעלכע שרײַבערס דאַרף איך נישט.

דעם זעלבן האַלדז־און־נאַקן[44] האָב איך אויך באַקומען אויף דער צווייטער לעקציע. איך בין געווען אויסער זיך פֿון פֿאַרצווייפֿלונג[45] און נישט געוווּסט פֿון וואַנען אויף מיר האָט זיך אויסגעגאָסן דאָס אומגליק. איך האָב זיך געריכט[46], אַז אויך אויף די איבעריקע לעקציעס וועל איך האָבן דעם זעלבן קבלת־פּנים[47], נאָר, ווײַזט אויס, מײַן „ערשטע לעזערין“ האָט אָדער קיין צײַט נישט געהאַט דורכצולייענען מײַן טאָגבוך ביזן סוף, אָדער זי האָט פֿאַרגעסן אַלץ צו דערציילן. נאָר אויף די ווײַטערדיקע לעקציעס האָט מען מיך באַגעגנט נישט בלויז אָן כּעס[48] און זידלערײַ[49], נאָר אַפֿילו ליבלעכער ווי געוויינטלעך. די בעל־הביתטעס, קײַכנדיק[50] פֿון געלעכטער, האָבן מיך געבעטן איך זאָל ברענגען דורכצולייענען זיי, ווי איך האָב באַשריבן זייערע שכנות[51] און באַקאַנטע.

אין אַלגעמיין האָט דער עפּיזאָד נישט געהאַט קיין אַנדער רעזולטאַט, ווי דאָס, וואָס איך האָב אָנגעווירן[52] צוויי לעקציעס. נאָר ער האָט מיר שטאַרק געשאַט[53] אין די אויגן פֿון די סאָלידע בעלי־הבתּים[54]. חוץ דעם, ווי פֿאָרזיכטיק איך האָב זיך נישט אויפֿגעפֿירט, האָט מען אָנגעהויבן שפּירן[55] אַז איך מאַסקיר זיך און אין שטעטל האָט מען אַלץ שטאַרקער גענומען רעדן אַז איך בין אַן אַפּיקורס[56]. פּונקט אין דער צײַט זענען אין דרום[57]־רוסלאַנד פֿאָרגעקומען די באַוווּסטע פּאָגראָמען וואָס האָבן אַרויסגערופֿן בײַ דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין ליטע דעם טיפֿסטן ייִאוש[58] און פֿאַרביטערונג. צוגלײַך מיט דעם האָט זיך פֿאַרשטאַרקט די רעליגיעזע שטימונג. צו אונדז אין שטעטל זענען די ידיעות[59] וועגן די פּאָגראָמען דערגאַנגען נישט דורך צײַטונגען, וועלכע קיינער האָט נישט באַקומען, נאָר דורך נישט קלאָרע קלאַנגען. איין טאָג האָט דער רבֿ[60] באַקומען, דאַכט זיך, פֿון וויטעבסקער רבֿ אַ בריוו, ווו עס זענען געווען באַשריבן די שרעקלעכע געשעענישן. אין בריוו איז געווען פֿאָרגעלייגט גוזר צו זײַן אַ תּענית־ציבור[61] [...]. עס איז געווען באַשטימט אַ תּענית־ציבור. דערבײַ האָט דער רבֿ געזאָגט דעם עולם[62] מוסר[63], האָט גערופֿן טאָן תּשובֿה[64] און מיט פֿאַרביטערונג אָנגעוויזן, אַז אין שטעטל זענען דאָ אַזעלכע, וואָס האָבן פֿאַרגעסן אָן גאָט און אָפּגעגעבן די קינדער לערנען טריף־פּסולע[65] לימודים[66].

און גראָד אין דער צײַט האָט זיך געדאַרפֿט טרעפֿן דער „דורכפֿאַל“ פֿון מײַנע געהיימע משׂכּילים. מיט אַ פּאָר טעג פֿאַרן תּענית־ציבור איז אַרום האַלבער נאַכט געקומען צו מיר איינער פֿון די משׂכּילים, אַ בחורל פֿון זעכצן יאָר [...]. אויף מײַן פֿראַגע, וואָס איז געשען, האָט ער געענטפֿערט מיט אַ פֿאַרייִאושטן[67] אויסגעשריי : „אָ, סאַראַן[68] אומגליק עס האָט געטראָפֿן ! “ [...] געשען איז אָט־וואָס : מיט אַ וואָך פֿריִער האָב איך דעם בחור געגעבן דעם „חטאת נעורים“. ער האָט אים עטלעכע מאָל דורכגעלייענט און אייניקע ערטער אויסגעחזרט אויף אויסנווייניק[69]. אַזוי ווי בײַ אים איז געווען אַ פֿערצן־יעריקער ברודער, וועמען ער האָט כּמעט שוין „אַראָפּגעפֿירט פֿון וועג“, האָט ער אים אויך מזכּה געווען[70] מיטן בוך [...]. דאָס ייִנגל איז אַ גאַנצע נאַכט געזעסן פֿאַרשפּאַרט[71] אין אַ קעמערל[72] און געלייענט. אויף מאָרגן, נאָכן דאַווענען, איז ער אַוועק אין קלויז[73] און אונטערן צודעק[74] פֿון אַ גמרא[75] ווײַטער געלייענט. [...] ער איז אַנטשלאָפֿן געוואָרן, לאָזנדיק דאָס בוך אויפֿן שטענדער[76]. אין קלויז איז אַרײַן אַ ישיבֿה־בחור און צוגייענדיק צום שטענדער, גלײַך דערקענט אַז דאָס בוך איז פֿון די „ספֿרים חיצונים“. ער האָט גענומען עס איבערבלעטערן און אָנגעשטויסן זיך אויף[77] דער פֿראַזע : „ווער קען דערווײַזן[78] אַז עס איז דאָ אַ גאָט ?“ דער ישיבֿה־בחור האָט זיך אַזוי דערשראָקן, אַז ער האָט גענומען שרײַען. דאָס בחורל האָט זיך אויפֿגעכאַפּט[79] און, דערזען דאָס בוך בײַ אַ פֿרעמדן אין האַנט, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אָפּנעמען עס. אים האָט זיך אײַנגעגעבן[80] דעם בוך אַרויסצורײַסן בײַם ישיבֿה־בחור און אַנטלויפֿן. דער ישיבֿה־בחור איז גלײַך אַוועק צום רבֿ און דערציילט אים וועגן דעם שרעקלעכן געשעעניש. אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט שוין דער פֿאָטער פֿון דיביידע משׂכּילים געשלאָגן דעם ייִנגערן מכּת־רצח[81], מאָנענדיק[82], ער זאָל זיך מודה זײַן[83] בײַ וועמען ער האָט גענומען דאָס טריף־פּסול. דאָס ייִנגל



▲ אין שטעטל

[סוף זײַט 8]

44. réception musclée/brutal welcome 45. désespoir/despair 46. *inf.* זיך ריכטן s'attendre à/expect 47. KABOLES PONEM réception 48. KAS colère/anger 49. invectives/cursing 50. suffocant/gasping 51. SHKhEYNES voisines/neighbors *(fem.)* 52. *inf.* אָנווערן perdre/lose 53. m'a fait du tort, m'a nuit/did me harm, *inf.* שאַטן 54. BALEBATIM *ici* : bourgeois/*here*: householders 55. ressentir/have the feeling 56. APIKOYRES mécréant/non-believer 57. DOREM du sud/Southern 58. YIESH désespoir/despair 59. YEDIES nouvelles/news 60. ROV rabbin/rabbi 61. GOYZER ... TANES-TSIBER décréter un jeûne collectif/decree a collective fast (תּענית jeûne/fast : *mot isolé prononcé/when isolated pronounced* TONES) 62. OYLEM public 63. ... MUSER fit la morale/moralized 64. ... TSHUVE faire pénitence/do penance 65. TREYF-POSELE interdits/forbidden 66. LIMUDIM études/studies 67. FARYIESHT désespéré/desperate 68. quel...!/what an...! 69. OYSGEKhAZERT ... appris par cœur/learned by heart 70. MEZAKE... fait bénéficier/favored 71. enfermé/confined 72. petite pièce/small room 73. oratoire/prayer house 74. couverture/cover 75. GEMORE Talmud 76. pupitre/lectern 77. tombé sur/fell upon 78. prouver/prove 79. s'est réveillé/woke up 80. il a réussi/he succeeded in 81. MAKES RETSEKh coups terribles/terrible blows

# אַ נײַער קאָמפּאַקטדיסק : פּאָעזיע־רעציטאַציע פֿון אַבֿרהם[1] ברומבערג




▲ הילע פֿון אַבֿרהם ברומבערגס נײַעם קאָמפּאַקטדיסק

*די פֿאַרשיידענע פּנימער[2] פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע* איז אַ נײַער צוויי־שפּראַכיקער קאָמפּאַקטדיסק פֿונעם באַקאַנטן ייִדישיסט אַבֿרהם ברומבערג. פֿאַקטיש, לעבט דער קינסטלער אין צוויי וועלטן : אין איין וועלט איז ער אַן אָנערקענטער מומחה[3] אין רוסישע און מיזרח־אייראָפּעיִשע[4] ענינים[5], און האָט געדרוקט, רעדאַקטירט אַרטיקלען און ביכער אויף דער טעמע. אין דער אַנדערער וועלט, איז ער אַן אַקטיווער ייִדישיסט און האָט רעקאָרדירט אַ פּלאַטע[6] פֿון זעלטענע ייִדישע פֿאָלקסלידער און אויך געשפּילט ווי אַן אַקטיאָר און געשריבן אַרטיקלען אין דער ייִדישער פּרעסע.

אין די לעצטע עטלעכע יאָר, טרעט אַבֿרהם ברומבערג אַרויס[7] ווי אַ רעציטאַטאָר פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע, און די דאָזיקע רעקאָרדירונג איז אַ רעזולטאַט פֿון זײַן אַנטוויקלען אַ פֿאַרשפּרייטן[8] רעפּערטואַר פֿון אונדזער ליטעראַטור. אין זײַנע באַמערקונגען וואָס באַגלייטן[9] דעם קאָמפּאַקטדיסק, הייבט ער אַרויס[10] דאָס וואָס ס'האָט אים געטריבן זיך צו נעמען צו דער אַרבעט – דער טרויעריקער אמת[11], אַז צווישן ייִדן, שוין אָפּגערעדט[12] נישט־ייִדן, איז די ייִדישע פּאָעזיע כמעט[13] אין גאַנצן נישט באַקאַנט.

דערמיט וויל ברומבערג ברענגען די אוצרות[14] פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע פֿאַר אַ נײַעם עולם[15], און דערפֿאַר האָט ער רעקאָרדירט יעדעס ליד צו ערשט אין אַן ענגלישער איבערזעצונג, און נאָך דעם אין דעם אָריגינאַל, אין ייִדיש.

דער קאָמפּאַקטדיסק נעמט אַרײַן סך־הכּל[16] 20 לידער, אײַנגעטיילט לויט געוויסע[17] טעמעס : „זכרונות[18]“ (לידער פֿון לייוויק[19] און גראַדע[20]), „אָן ייִדן“ (גלאַטשטיין[21], סוצקעווער[22], קלמן ליס[23]), „אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט“ (ה. בנימין[24]), „עראָס“ (אַנאַ מאַרגאָלין[25], צילִיע דראַפּקין[26]), „סאָוועטישע מאָטיוון“ (האָפֿשטיין[27], כאַריק[28]), „משה־לייב האַלפּערן[29]“ און צום סוף[30], אַ ליד פֿונעם קינסטלער אַליין.

דער אויסקלײַב איז אַ געראָטע־נער[31] און דער צוהערער קען דאָ הערן בײַשפּילן פֿון אונדזער מאָדערנער פּאָעזיע, וואָס ווערן זעלטן אָדער קיין מאָל נישט רעציטירט. יעדעס ליד איז איין אָדער צוויי מינוט לאַנג, און נאָר חיים גראַדעס „דער יונגער דור[32]“ געדויערט מער ווי דרײַ מינוט. [...]

ברומבערגס סטיל פֿון פֿאָרלייענען איז אַ גוטע קאָמבינאַציע פֿון דראַמאַטישקייט און סובטילקייט. ער טײַטשט אויס די לידער מיט ראַפֿיניר־טקייט, וואָס העלפֿט אויפֿקלערן דעם טעקסט. מען קען זיך פֿאָרשטעלן, אַז די רעקאָרדירונג, וואָס האָט ביז אַהער באַקומען גוטע אָפּרופֿן[33] אין דער ייִדישער און נישט־ייִדישער וועלט (ווי דער בריטישער ראָמאַניסט און מחבר[34] פֿון אַ בוך וועגן די ברידער זינגער, קלײַוו סינקלייר), וואָלט אויסגענומען[35] סײַ פֿאַר איר קינסטלערישער ווערט, סײַ פֿאַר איר פּעדאַגאָגישער נוציקייט. דער אַרײַנפֿיר איז גוט אָנגעשריבן און ברענגט אַ סך אינפֿאָרמאַציע (אַחוץ[36] דער באַשרײַבונג פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור ווי אַ זאַך פֿון אַ מאָל וואָס איז שוין נישטאָ – מיט דעם מעג מען נישט מסכּים[37] זײַן). אַ כּלל[38], אַ יישר־כּוח[39], פֿרײַנד ברומבערג, פֿאַר דער גוטער און וויכטיקער אַרבעט !

באַשטעלונגען[40] : אַרבעטער־רינג ביכערקראָם אין ניו־יאָרק.

Workmen's Circle Book Store
45 E. 33rd St. 10016
טעל. : (212) 889-6800
book@circle.org

דעם 18טן מײַ 2001, ז. 14

*אַבֿרהם ברומבערג איז אויך געקומען קיין פּאַריז און האָט פֿאָרגעלייענט די לידער אין מעדעם־צענטער דעם 6טן יוני 2001. זײַן קאָמפּאַקטדיסק קען מען קויפֿן אין דער מעדעם־ביבליאָטעק.*

1. AVROM 2. PENEMER visages/faces, *sing.* פּנים PONEM 3. MUMKHE expert 4. MIZREKH… d'Europe de l'Est/Eastern European 5. INYONIM questions/matters, *sing.* ענין INYEN 6. disque/record 7. se produit/appears (before an audience), *inf.* אַרויסטרעטן 8. large/broad 9. accompagnent/accompany 10. souligne/emphasizes *inf.* אַרויסהייבן 11. EMES vérité/truth 12. sans parler de/not to mention 13. KIMAT presque/almost 14. OYTSRES trésors/treasures, *sing.* אוצר OYTSER 15. OYLEM public 16. SAKHAKL en tout/in all 17. certains/certain 18. ZIKHROYNES souvenirs/memories 19. H. Leyvik (1888-1962) 20. Khaim Grade (1910-1982) 21. Yankev Glatshteyn (1896-1971) 22. Avrom Sutskever (né/born 1913) 23. Kalmen Lis (1903-1942) 24. H. Binyomin (né/born 1929) 25. Anna Margolin (1887-1952) 26. Tsilye Drapkin (1888-1956) 27. Dovid Hofshteyn (1889-1952) 28. Izi Kharik (1898-1937) 29. Moyshe-Leyb Halpern (1886-1932) 30. SOF fin/end 31. réussi/a good one 32. DOR génération, *pl.* DOYRES 33. échos, réactions 34. MEKHABER auteur/author 35. devrait avoir du succès/should be successful 36. AKHUTS à part/except for 37. MASKIM d'accord/in agreement 38. A KLAL bref/in short 39. YASHER-KOYEKh félicitations, bravo !/congratulations, well done! 40. commandes/orders.




## דער חב״ד[1] איז קעגן

די מאָסקווער שיל האָט באַקומען אַ נײַעם קופּאָל, און דער רוסישער ייִדישער קאָנגרעס האָט אויסגעוויילט[2] אַ נײַעם פּרעזידענט לעאָניד נעווזלין. אָבער אין רוסלאַנד שפּילן אַ גוואַלדיק־וויכטיקע ראָלע די חב״דניקעס[3] בראָש[4] מיט זייער הויפּט־רבֿ[5] בערל לאַזאַר. די צרה[6] איז, אַז די חב״דניקעס אָנערקענען ניט דעם נײַעם פּרעזידענט. זיי טענהן[7], אַז ער איז געקומען צו דער מאַכט ניט דורך אַ דעמאָקראַטישער פּראָצעדור (דער חב״ד שמט[8] דאָך מיט זײַן אויסערגעוויינטלעכער דעמאָקראַטישקייט !). נעווזלינען וועט זײַן ניט גרינג צו האָבן אַזאַ מין קעגנער, מחמת[9] דער חב״ד חבֿרט זיך[10] מיטן רוסישן פּרעזידענט, וולאַדימיר פּוטין. און דאָס איז גאָר ניט קיין חכמה[11] !


▲ לעאָניד נעווזלין

1. KHABAD mouvement hassidique connu sous le nom de Loubavitch/ Hassidic movement also known as Lubavitch 2. élu/elected 3. KHABADNIKES membres de Khabad/ members of Khabad 4. BEROSH avec à leur tête/headed by 5. ...-ROV rabbin principal/leading rabbi 6. TSORE problème/trouble 7. TAYNEN affirment/argue 8. SHEMT est réputé pour/ is reputed for 9. MAKHMES car/ because 10. KHAVERT ... est proche de/ is friendly with 11. KHOKHME pas très brillant/not so bright.

## ייִחוס־בריוו[1]

דער אָקספֿאָרדער פּראָפֿעסאָר פֿון גענעטיק, ברײַען סײַקס, נוצט די סאַמע מאָדערנסטע dna-מעטאָדן, כּדי געפֿינען פֿון וואַנען מיר אַלע שטאַמען. זײַן פֿאָרשונג האָט באַוויזן, אַז ס׳רובֿ[2] פֿון די 650 מיליאָן מענטשן, וואָס לעבן איצט אין אייראָפּע, שטאַמען פֿון בלויז זיבן פֿרויען (סײַקס רופֿט זיי „זיבן חוהס[3] טעכטער“), וואָס האָבן געלעבט מיט 10-45 טויזנט יאָר צוריק. ער האָט אויך אויסגעפֿונען, אַז איין פּראָצענט פֿון אַלע ווײַסע בריטישע בירגער האָבן געהאַט אַ פֿאָטער, וואָס האָט געשטאַמט פֿון אַפֿריקע, צי אַזיע. די „שוואַרצע גענעס“ זײַנען, אַפּנים[4], געקומען קיין בריטאַניע נאָך אין די רוימישע צײַטן, ווען די רוימער האָבן געבראַכט פֿון אַפֿריקע קיין בריטאַניע שוואַרצע זעלנער און שקלאַפֿן. און נאָך איין אַנטפּלעקונג : די גענעטישע רעזולטאַטן ווײַזן, אַז די פּראָטעסטאַנטן און קאַטאָליקן פֿון צפֿון[5]־אירלאַנד, זײַנען אַ מאָל געווען מיטגלידער פֿון דעם זעלבן שבֿט[6].

1. YIKHES-... pédigrée/pedigree 2. SROV la plupart/most 3. KHAVES d'Eve/Eve's 4. APONEM apparament/ apparently 5. TSOFN du Nord/ Northern 6. SHEYVET tribu/tribe.

די שווייצער גוואַרדיע[1], וואָס היט דעם פּויפּסט[2] שוין אין משך פֿון[3] כּמעט[4] 500 יאָר, האָט שוועריקייטן מיט געפֿינען נײַע רעקרוטן. און דאָס איז ניט געקוקט אויף דעם[5], וואָס מען האָט שוין דערלויבט אָנצונעמען רעקרוטן, וואָס טראָגן ברילן און זייער הייך איז בלויז 5 פֿוס 8.5 צאָל[6]. אָבער זיי מוזן נאָך אַלץ זײַן שווייצער פֿון קאַטוילישן גלויבן, ניט קיין חתונה־געהאַטע[7], און ייִנגער פֿאַר 30 יאָר. צאָלן צאָלט מען זיי אויך גאַנץ ווייניק : אַ יונגער זעלנער[8] באַקומט אַ ביסל מער פֿון 200 דאָלאַר אַ וואָך. אָנהייב מײַ האָבן 27 נײַע גוואַרדייער אָנגעטאָן דעם רענעסאַנס־אוניפֿאָרם. אַזוי אַרום[9] האָט איצט די גוואַרדיע 107 מיליטערלײַט, און זיי נייטיקן זיך אין נאָך 13 נפֿשות[10].

1. la Garde suisse/Swiss Guards 2. le Pape/the Pope 3. ...MESHEKH... pendant/for a period of 4. KIMAT presque/nearly 5. malgré/despite 6. 5 pieds, 8,5 pouces (1,72 cm) /5 ft. 8.5 in. 7. ...KHASENE... non mariés/ unmarried 8. soldat/soldier 9. ainsi/ thus 10. NEFOSHES *lit.* âmes, *c-à-d*, hommes/ *lit.* souls *i.e.* men.





## יאָ, איך וויל אַבאָנירן דעם *פֿאָרווערטס*

נאָמען : ..................................................

אַדרעס : ..................................................................................

.......................................................................................................

אַבאָנעמענט־פּרײַזן :

פֿאַראייניקטע שטאַטן[1] : איין יאָר – 36 דאָלאַר, האַלב יאָר – 21 דאָלאַר

איבער דער וועלט :

ים־פּאָסט[2] : איין יאָר – 40 דאָלאַר, האַלב יאָר - 25 דאָלאַר

לופֿטפּאָסט[3] : איין יאָר – 97 דאָלאַר

קרעדיט־קאַרטע־נומער :

אויסגאַנג[4]־דאַטע :

שיקט דאָס צעטל אויפֿן אַדרעס :

The Yiddish Forward

45 E 33rd Street, New York, NY 10016 USA

בליצפּאָסט[5]־אַדרעס : faivus@Yiddish.Forward.com

1. Etats-Unis/United States 2. poste maritime/surface mail 3. poste aérienne/ airmail 4. expiration 5. courrier électronique/E-mail.

[סוף פֿון זײַט 5]

האָט געשוויגן. דעמאָלט האָט דער פֿאָטער אים פֿאַרשפּאַרט אין אַ פֿינצטערן חדר[84], דראָענדיק[85] אַז ער וועט אים פֿאַרפּײַניקן[86] מיט הונגער ביז ער וועט זיך מודה זײַן. באַקומען קלעפּ האָט אויך דער עלטערער. בקיצור[87], אין שטעטל איז אַן אמתע מהומה[88] און אַלע טענהען[89] אין איין קול, אַז נאָר דער „שרײַבער“ האָט געקענט געבן דעם ייִנגל אַזאַ בוך, און מען איז שוין זיכער, אַז דער „שרײַבער“ איז אַהער אַראָפּגעשיקט פֿון ווילנע, פֿון די דאָרטיקע אַפּיקורסים, כּדי חרובֿ צו מאַכן[90] דאָס שטעטל. דערציילנדיק די געשיכטע, האָט דער בחור געוויינט מיט ביטערע טרערן. ער האָט מיר געבראַכט דעם געראַטעוועטן[91] „חטאת נעורים“. אָבער אין וואָס פֿאַר אַ צושטאַנד ! [...]

[...] אין טאָג פֿון תּענית האָט דער רבֿ געהאַלטן אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט אויפֿגעוויזן, אַז בוידעמס[100], און אַלע ביכער, חוץ הייליקע ספֿרים, וואָס מע וועט געפֿינען, זאָל מען צו מאָרגנס[101], פֿרײַטיק האַלבן טאָג, ברענגען אויפֿן שולהויף צו פֿאַרברענען זיי, כּדי דאָס בייז זאָל אויסגערוימט[102] ווערן פֿון שטעטל.

עס האָבן זיך אָפּגעזוכט[103] זעקס־זיבן העברעיִשע ביכלעך, גאַנץ אומשולדיקע [...]. צו דעם האָט מען נאָך מוסיף געווען[104] בײַ אַ צענדליק ייִדישע מעשׂיות [...]. מע האָט געמאַכט אויפֿן שולהויף אַ שײַטער[105] און פֿאַרברענט. איך האָב פֿון דער ווײַטן געזען נאָר דעם רויך פֿונעם אויטאָ־דאַ־פֿע. איך קען נישט זאָגן, אַז איך האָב זיך געפֿילט איבעריקס פֿריילעך אין דעם מאָמענט : עס האָט גוט געשמעקט מיט מיטלעלטער.

אויף מאָרגן, שבת נאָך הבֿדלה[106], איז צו מיר געקומען איינער פֿון די שטאָט־בעלי־הבתּים און אין אַ רויִקן, געשעפֿטלעכן טאָן מיר


יום יום מנחה תרל״ט
המליץ
להגיד ליעקב מכל הנעשה בעולם המדיני והמדעי
בעסקי היהודים והיהדות וספרות העברית
ГАМЕЛИЦЪ
HAMELITZ
15 годъ изданія.
№ 1.
2 (14) Января. 18

„המליץ“ (דער פֿאַרטיידיקער), איינע פֿון די וויכטיקסטע צײַטשריפֿטן פֿון דער רוסישער השׂכּלה, דערשינען אין אָדעס אין 1860, געוואָרן אַ טאָגצײַטונג אין פּעטערסבורג פֿון 1866 ביז 1904.

איך און אַזעלכע ווי איך, זײַנען די איינציקע שולדיקע אין די פּאָגראָמען. ער האָט געפֿאָדערט, מע זאָל מיר אָפּזאָגן[92] פֿון די לעקציעס. חוץ דעם האָט ער אַרויסגעגעבן „תּקנות[93]“, וועלכע זענען דעם זעלבן טאָג געווען פּונאַנדערגעקלעפּט[94] אין אַלע בתּי־מדרשים[95]. פֿון די תּקנות זענען בײַ מיר אין זכּרון[96] פֿאַרבליבן בלויז פֿיר :

א) אַלע מאַנצביל[97] פֿון דרײַצן יאָר אָן זאָלן טראָגן יאַרמלקעס און נישט אַראָפּנעמען זיי פֿון קאָפּ בײַ נאַכט.

ב) מיידלעך און, איבערהויפּט, ווײַבלעך, זאָלן נישט זינגען אין דער קעגנוואַרט[98] פֿון מאַנצביל, און אַפֿילו פֿאַר זיך.

ג) אויף חתונות זאָלן ווײַבער און מיידלעך נישט ווײַזן זיך געבלויזט[99].

ד) מע זאָל זוכן אין די הײַזער און אויף די גערזאָגט, איך זאָל אָפּפֿאָרן פֿון שטעטל, אויב איך וויל נישט מע זאָל מיך אַרויסשיקן מיטן עטאַפּ[107] און גלאַט[108], וואָס האָב איך דאָ צו זיצן ? קיין לעקציעס וועל איך סײַ ווי סײַ שוין נישט האָבן. אויף מײַן פֿראַגע, ווי אַזוי וועט מען דאָס מיך, אָן אַ שום זינד פֿון מײַן זײַט, אַרויסשיקן מיטן עטאַפּ, האָט ער רויִק, מיט אַ שמייכל געענטפֿערט : „וואָס פֿאַרשטייט איר נישט ? איר זענט דאָך נישט קיין קליין ייִנגל, צוויי פֿונט טיי דעם פּריסטאַוו[109], און מאָרגן גייט איר מיטן עטאַפּ.“ איך ווייס נישט, אויב מע וואָלט טאַקע אויסגעפֿירט דעם סטראַשוניק[110], נאָר איך האָב שוין אַלץ איינס נישט געהאַט צוליב וואָס צו פֿאַרבלײַבן אין ליאָזנע און בין אָפּגעפֿאָרן. דעם צעריסענעם „חטאת נעורים“ האָב איך אַ לאַנגע צײַט געהיט בײַ זיך, ווי אַן אָנדענק. ❒

82. réclamant/demanding 83. MOYDE ... avouer/confess 84. KHEYDER pièce/room 85. menaçant/threatening 86. tourmenter/torment 87. BEKITSER en bref/in short 88. MEHUME טומל 89. TAYNEN affirment/maintain 90. KHOREV ... détruire/destroy 91. sauvé/rescued 92. congédier/dismiss 93. TAKONES règlement, ordonnances/rules (of conduct) 94. placardés/posted 95. BOTE-MIDROSHIM maisons d'étude et de prière/prayer and study houses 96. ZIKORN mémoire/memory 97. מענער 98. présence 99. dénudées, en tenue trop légère/bare, scantily dressed 100. greniers/attics 101. le lendemain/the next day 102. éradiqué/swept out 103. געפֿונען 104. MOYSEF ... ajouté/added 105. bûcher/pyre 106. HAVDOLE cérémonie marquant la fin du shabbat/ceremony performed at the close of the Sabbath 107. dans un convoi de prisonniers/in a convoy of prisoners 108. *ici* : de toute façon/*here*: anyway 109. commissaire de police/police commissioner 110. menace/threat.

[סוף פֿון זײַט 1]

די השׂכּלה איז אויך מיט דער צײַט געוואָרן אַ קאָנסטרוקטיווער פֿאַקטאָר אין נאַציאָנאַלן לעבן. זי האָט פֿאָרגעלייגט אַז מע זאָל באַניצן העברעיִש ווי אַ שפּראַך פֿון וואָכעדיקן טאָג־טעגלעכן לעבן און זי האָט אַלץ מער און מער באַרײַכערט[25] די העברעיִשע ליטעראַטור. די מערהייט משׂכּילים איז געווען קעגן ייִדיש און זיי האָבן געמיינט אַז ייִדיש איז בלויז אַ „זשאַרגאָן“. אָבער דער פּאַראַדאָקס איז אַז אַ טייל משׂכּילים האָבן געשריבן אויך אויף ייִדיש, כּדי צו האָבן צוטריט צו די מאַסן לייענער.

אין מיזרח[26]־אייראָפּע האָט זיך די השׂכּלה־באַוועגונג אַנטוויקלט אין לויף פֿון 19טן י״ה. אָנהייב זעכציקער יאָרן הייבט מען אָן אַרויסצוגעבן אַ ריי פּעריאָדישע אויסגאַבעס[27] אויף העברעיִש, ייִדיש און רוסיש. אין דער צווייטער העלפֿט אַכציקער יאָרן באַווײַזן זיך די ערשטע טאָגצײַטונגען אויף העברעיִש. פּאַראַלעל מיט דעם צעוואַקסט זיך די העברעיִשע און דער עיקר[28] די ייִדישע ליטעראַטור. מיט דער השׂכּלה־באַוועגונג האָט מען צום ערשטן מאָל אין דער ייִדישער געשיכטע אין מיזרח־אייראָפּע געמאַכט דעם עקספּערימענט פֿון אַ נישט־רעליגיעזער, פֿון אַ וועלטלעכער ייִדישקייט. ❒

25. enrichi/enriched 26. MIZREKh de l'est/Eastern 27. publications 28. ...IKER surtout/especially.


דער ייִדישער
טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

דער *ייִדישער טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע
פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿאַרן
ייִדיש־לימוד און פֿון דער מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט
אַניק, בערטראַן, גאָלדע,
זשיל, יצחק, נאַטאַליאַ,
עוולין, רובי.

AEDCY
Der Yidisher Tamtam
B.P. 3256
75122 Paris CEDEX 03
Tél. : 01 42 71 30 07

מעדעם־ביבליאָטעק
Bibliothèque Medem
52, rue René-Boulanger
75010 Paris
Tél. : 01 48 03 20 17
medem@yiddishweb.com

מע קען אויך לייענען דעם *ייִדישן טעם־טעם*
אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com